בס"ד
צו - פרה תשפ"ד
גליון 184

# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהרו"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אָן קַיין פַּארְמִיטְלֶער

דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז שׁוֹין אַרַיין אִין אוּנְז, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין נָאכְן מְגִלָּה לֵייֶנְען. מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען אַ לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, וָואס שְׁטֵייט אַיין בַּיי מָרְדְּכַי אִינֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים. אוּנְז הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, דִי הֵיילִיגֶע סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב, גֶעגֶעבְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע, אוּן וִויפִיל זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען טֶענְצֶעלֶעך - פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, טַאנְצְן מִיט דִי פִיס, אַז אַלֶע דִינִים זֶענֶען בעז"ה גֶעוָוארְן זִיס!

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין בַּיים שַׁבַּת פָּרָה. מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז דֶער פָּרָה אֲדוּמָה קוּמְט פַּארְרֶעכְטְן דִי זִינְד פוּן דֶעם עֵגֶל וָואס דִי אִידְן הָאבְן גֶעמַאכְט, אוּן מִיר לַיידְן נָאכְאַלְץ פוּן דֶעם חֵטְא בִּיז הַיינְט. אָבֶער דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן זִיך צוּ רֵיינִיגְן פוּן דֶעם חֵטְא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה (תורה ע"ד ח"ב), אַז דַּוְקָא נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה, פוּן 'פּוּר' ווערְט 'פָּרָה', ווייל ד ו ר ך



פּוּרִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ טָהֳרָה. אוּן אוֹיךְ, פּוּרִים אִיז שׁוֹין אוֹיפְן וֶועג צוּ פֶּסַח, אַז מֶען זָאל קֶענֶען זַיין נִזְהָר פוּן חָמֵץ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינְקֵייט, מֶען זָאל קֶענֶען עֶסְן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח נָאךְ דָאס יָאר אִין יְרוּשָׁלַיִם. (ע"פ לקוטי תפלות)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר צוּזַאמֶען טְרַאכְטְן: 'וִויאַזוֹי קֶען זַיין אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְן מַמָּשׁ יֶעצְט גֶעהֶערְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין דִי וֶוערְטֶער, 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ', מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת וּבְרָקִים, אַלֶע הִימְלֶען הָאבְן זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זִיךְ מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אִידְן אוֹיף אַן אוֹפָן וָואס אִיז קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעוֶוען אוּן יֶעצְט לוֹיפְן זֵיי אוּן בְּרֶענְגֶען גָאלְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן אַ קֶעלְבֶּעלֶע?!!

קֶען נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ גֶעשֶׁעְן אַזַא זַאךְ?! אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְקוֹיפְן פַאר אַן עֵגֶל אוּן פַארְגֶעסְן חַס וְשָׁלוֹם אַז סְ'אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס אִיז אוּנְז מְגַלֶּה דִי אַלֶע שֵׁיינֶע אוּן זִיסֶע תּוֹרוֹת?!

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אִין תּוֹרָה ס"ב. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז פַּאקְטִישׁ זֶעט מֶען אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ סִיסְטֶעם. דֶער פְלֵיישִׁיגֶער אוֹיג זֶעט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ דִי מַזָּלוֹת, דוּרְךְ בִּיזְנֶעס, דוּרְךְ דָאקְטוֹירִים, עֵצָה

המשך אויף קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

גֶעבֶּערס, גֶעשֶׁעפְטְן, א.א וו. עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג. פַארְהַאן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן, 'אוֹיבּ דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, אִיז לָאמִיר זֵיי דִינֶען, לָאמִיר נָאכְלוֹיפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז חַס וְשָׁלוֹם כְּאִילוּ, אַ פַארְמִיטְלֶער צְווִישְׁן מִיר מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. פּוּנְקְט אַזוֹי וְוִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמֵיינְט בַּיים עֵגֶל וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, "אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ" (שְׁמוֹת ל"ב), דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוָואלְט אַן אֶמְצָעִי - אַ פַארְמִיטְלֶער.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז הַיינְט פַאלְן פִיל מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ מִיט דֶעם טָעוּת אוּן מַאכְן אַ פַארְמִיטְלֶער פוּן דִי 'סִבּוֹת' וָואס בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ גֶעלְט אָדֶער רְפוּאוֹת, עֵצוֹת א.א.וו. דָאס מֵיינְט אַז זֵיי גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אָבֶער זֵיי גְלֵייבְּן אוֹיךְ אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ סִבָּה צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן זֵיי זָאגְן אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ מַאכְן בִּיזְנֶעס אָן דֶעם קֶען חַס וְשָׁלוֹם דֶער בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט פַארְן מֶענְטְשׁ.

אַזוֹי אוֹיךְ לִיגְן זֵיי שְׁטֶענְדִיג אִין רְפוּאוֹת אוּן לוֹיפְן נָאךְ דָאקְטוֹירִים, כְּאִילוּ חַס וְשָׁלוֹם אַז אָן מֶעדִיצִינֶען קֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם קְרַאנְקְן. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "נֵיין, ס'אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז סִבַּת כָּל הַסִּבּוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם סִבָּה, פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אוֹיבְן דֶערְמַאנְט. וָואס דַארְף מֶען יָא? מֶען דַארְף אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אוּן נִישְׁט מַאכְן אַן עִיקָר פוּן דִי סִבּוֹת."

מִיר וֵוייסְן אַלֶע אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַזוֹי אַז מֶען מַאכְט הִשְׁתַּדְלוּת צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן אַ הִשְׁתַּדְלוּת פַאר רְפוּאָה, אָבֶער דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָר דֶערְפוּן, נָאר אוּנְזֶער מֹחַ זָאל מַאכְן אַ עִיקָר פוּן אֱמוּנָה, רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן קֶענֶען בְּרֶענְגֶען בְּרֵייט פַּרְנָסָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן לוֹיפְן צוּ דָאקְטוֹירִים. אוּן דֶער עִיקָר, טַאקֶע מַאכְן דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת פַאר מֶען דַארְף נָאךְ אָנְקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע עֵצָה, שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע מַזָּלוֹת, שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע אוּן פוּן דִי אַלֶע קָאלִירְן וָואס דִי וֶועלְט מָאלְט אוֹיס וְויאַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אוּן וְויאַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אוּן גֶעזוּנְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט. בֶּאֱמֶת, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט קְלָאר גֶעוואוּסְט אַז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר בַּיים דַאוֶונֶען אוּן הֶערְט דַיין תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעדַאוְונְט מִיט אַ בְּרֶען אוּן מְדַקְדֵק גֶעוֶוען אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער. נָאר וְויבַּאלְד מֶען וֵוייסְט נִישְׁט מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ פוּן דֶעם זַאךְ, דַאוְונְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין בְּרֶען אוּן מֶען פְלִיעֶט אַרִיבֶּער דָאס דַאוֶונֶען. דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן, 'אַפִּיקוֹרְסוּת', דָאס אִיז דִי קֻשְׁיוֹת מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְהַארְטֶעוֶועט אוּנְזֶער הַארְץ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן לוֹיפְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאוֶונֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן שִׂמְחָה אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אוּנְז אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת אוּן וִויסְן אַז מֶען דַארְף דִינֶען נָאר דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן גָאט, דֶער גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינְקֵייט זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.




# טייערע ברסלב'ע קינדער

יעצט ווען עס קומט דער יום טוב פסח וואס ווייזט אויף פה-סח, אן אפענע מויל צו רעדן צום באשעפער, ווילן מיר פרעגן אפאר שאלות, די קינדער וואס ענטפערן (מען מוז נישט ענטפערן אלע) וועלן אריינגיין אין א גורל אויף 50 ₪ אדער $15 צו קענען קויפן אין א יודעיקא געשעפט אין דיין געגנט.

- וואס לערנסטו פון רבי'ן וויאזוי נישט צו פארלירן די טייערע צייט אין די בין הזמנים טעג?
- וואס לערנסטו ארויס פון רבינ'ס לימודים וויאזוי צו פטור ווערן פון דער חמץ פון הארץ?
- וועלכע ספרים פון רבי'נס חדר ווילסטו בעז"ה לערנען אין די ניסן טעג?
- וועלכע זאך וואלסטו געוואלט מען זאל מער שרייבן אין רבי'נס ליכט?
- פון וועלכע אפטיילונג האסטו די מערסטע הנאה פון רבי'נס ליכט?

- קענסט אריינשיקן, מעשיות, אדער שיינע גראמען (קענסט בעטן הילף פון עלטערן) פון רבי'נס עצות לכבוד פסח [בערך 10-20 שורות]

די תשובות דארף מען איבערלאזן אין טעל-ליין אויף קנעפל 7 מיט דיין נאמען און טעלעפאן נומער, די גראמען מעשיות קען מען איבערגעבן ביי די משגיחים ר' יואל יאראוויטש און ר' משה געפנער הי"ו (אויב ס'איז נישט צו לאנג קען מען דאס אריינזאגן אין טעל-ליין)

די אלע וואס שיקן מעשיות און גראמען וועלן אויך אריינגיין בעז"ה אין גורל.

*לְכָבוֹד דִי יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק בַּעַל נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ זִי"ע, בְּרֶענְגֶען מִיר עֶטְלִיכֶע סִפּוּרִים דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל.*



# הרב הקדוש רבי אלימלך מליזענסק זי"ע

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה בַּיים רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ, אַז אֵיינֶער אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען כִּמְעַט אַ 'טוֹיטֶער' פוּן אַזוֹיפִיל סִגּוּפִים אוּן עֲבוֹדוֹת וָואס דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה הָאט גֶעטוּן - צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן. כִּמְעַט אַ 'מֵת' אִיז עֶר גֶעוֶוען!

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס הָאסְטוּ מִיר דָא גֶעבְּרֶענְגְט? אַ מֵת?!" אִיךְ קֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים?! עֶר אִיז דָאךְ הוֹיט אוּן בֵּיין?!

הָאט דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן ר' אֶלְעָזָר; דוּ גֵיי גִיבּ אִים עֶסְן! גֵיי, אוּן זֶע אַז עֶטְלִיכֶע וָואכְן זָאל עֶר גוּט עֶסְן, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, וֶועל אִיךְ קֶענֶען רֶעדְן מִיט אִים! עֶר זָאל קֶענֶען דִי וֶועלְט, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אִים בְּרֶענְגֶען צוּ מִיר! ר' אֶלְעָזָר הָאט אִים טַאקֶע גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע וָואכְן הָאט דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶערֶעדְט מִיט דֶעם בַּעַל תְּשׁוּבָה וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן!

◇ ◇ ◇ ◇

דֶער רֶבִּי ר' זוּשֶׁא אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיים זַיין בְּרוּדֶער דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט "בְּרוּדֶער זָאג מִיר, וָואס עֶפֶּעס בַּיי דִיר טוּט זִיךְ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן, גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים, אוּן עֶפֶּעס גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן טוּעֶן זִיךְ בַּיי דִיר, וָואס אִיז דָאס?!" דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ הָאט דָאךְ גֶעקְלִינְגֶען אִין דֶער וֶועלְט, מִיט זַיינֶע גְרוֹיסְקַייטְן מִיט זַיינֶע עוֹבְדוֹת. הָאט אִים דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דָאס אִיז נָאר דֶערְפַאר - וַוייל דִי אִידְן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן!! עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אַהֲבָה צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן!" אַזוֹי הָאט אִים דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט! דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען דָא בַּיי מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן!

הָאט גֶעזָאגְט דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא; "יָא, סְ'אִיז רִיכְטִיג, דָאס אִיז דָאס!" עֶר הָאט אִים מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז דָאס, דֶער כֹּחַ וָואס אִיז דָא דָא, אַז סְ'אִיז דָא אַהֲבָה צְווִישְׁן דֶעם צַדִּיקְ'ס מֶענְטְשְׁן, אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נַחַת רוּחַ פַארְן צַדִּיק, אִיז דֶער צַדִּיק אַלֵיין גָאר עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ!

◇ ◇ ◇ ◇

פַּארְצֵיילְט ר׳ לֵוִי יִצְחָק אַזוֹי: "דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד. עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רָב פַּאר אַן אֵיידֶעם, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אִין אִים קַיין גֶעפִיל, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואסְפַארַא דִימַאנְט עֶר הָאט בַּאקוּמֶען! אוּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶר אִיז.

אַזוֹי וִוי בַּיי ר׳ נָתָן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעווּאוּסְט זַיין גְרוֹיסְקַייט אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים גֶעשִׁיקְט אִין מַארְק עֶר זָאל הַאנְדְלֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּב, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דָא בַּיים בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רָב, זַיין שְׁוֶוער הָאט פַארְלַאנְגְט אַז דֶער אֵיידֶעם זָאל פָּארְן מִיט אִים אִין יְרִיד צוּ דִי סוֹחֲרִים, אוּן אַיינְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה.

אִיז דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רָב גֶעקוּמֶען אִין יְרִיד וָואוּ מֶען קוֹיפְט אַיין דִי סְחוֹרָה, הָאט עֶר דָארְט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ נִסָּיוֹן, אוּן יֶענֶער הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט רַחֲמָנָא לִצְלַן. וֶוען דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רָב הָאט גֶעזֶען אַז יֶענֶער לָאזְט אִים נִישְׁט אָפּ, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט "נַאדִיר דָאס גֶעלְט!" אוּן לָאז מִיר אָפּ. אוּן דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רָב הָאט טַאקֶע אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דָאס גֶעלְט!

וֶוען דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רָב אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן יְרִיד - אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט! אוּן קַיין סְחוֹרָה הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אַיינְגֶעקוֹיפְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט.. דֶער שְׁוֶוער פְרֶעגְט אִים: "וָואוּ אִיז דָאס גֶעלְט?" "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט" עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רָב: ווייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ גְרוֹיסְהַאלְטְן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נִסָּיוֹן אוּן עֶר אַנְשְׁטָאט דֶעם אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דָאס גֶעלְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט בַּארִימֶען הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין שְׁוֶוער.

שׁוֹין דָאס גֶעלְט אִיז נִישְׁט דָא!!

אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אַז זַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ מִשְׁפָּט אִיז דֶער שְׁוֶוער גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי׳ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה. הָאט אִים דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "קוֹדֶם גֵיי בֶּעט אִיבֶּער דַיין אֵיידֶעם! גֵיי בֶּעט אִים אִיבֶּער!".

דֶער מִשְׁפָּט אִיז גֶעוָוארְן נֶענְטֶער, אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן ר׳ אֱלִימֶלֶךְ, הָאט אִים רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ ווידֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט בֶּעט אִיבֶּער דַיין אֵיידֶעם!"

דֶער שְׁוֶוער קוּמְט אַהֵיים, עֶר ווִיל אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיין אֵיידֶעם פַארְן חוֹשֵׁד זַיין וֶועגְן דָאס גֶעלְט, אִיז פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אָנְגֶעקוּמֶען דֶער ׳גַנָּב׳, דֶער וָואס הָאט צוּגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט בַּיים נִסָּיוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעמָאלְטְס אָן וֶוען עֶר הָאט גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט פוּן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רָב אִין מַארְק אִיז עֶר גֶעוָוארְן ׳שְׁלַאף׳, אוּן עֶר הָאט צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס



גֶעלְט, אִיז דֶער שְׁוֶוער שׂוִין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן וואוּ דָאס גֶעלְט אִיז גֶעגַאנְגֶען און אִיז שׂוִין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן וָואסְפַארַא אֵיידֶעם אַ צַדִיק עֶר הָאט בַּאקוּמֶען!

◇ ◇ ◇ ◇

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ און זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא, זֶענֶען אַרוּמְגֶעפָארן אִיבֶּער שְׁטֶעט און דֶערְפֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעלִיטְן עֶטְלִיכֶע יָאר גָלוּת, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין אַן אָרְט, אַן אַכְסַנְיָא און בַּאמֶערְקְט דָארְט אַז אֵיינֶער טוּט חַס וְשָׁלוֹם עֶפֶּעס אַן עֲבֵרָה, הָאט ר' אֱלִימֶלֶךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין בְּרוּדֶער: "זוּשָׁא, אַזוֹי טוּט מֶען בַּיינַאכְט?! אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ בַּיינַאכְט?!", וָואס דֶער בַּעַל עֲבֵרָה הָאט גֶעטוּן הָאט רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אַנְשְׁטָאט דֶעם אָנְגֶעשְׁרִיגְן זַיין בְּרוּדֶער ר' זוּשָׁא! און נָאכְדֶעם הָאט ר' זוּשָׁא גֶעזָאגְט: "מֵיילֶער, אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ?!". בִּיז דֶער בַּעַל עֲבֵרָה הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ דָאס גֶעטוּן, וָואס דֶער ר' אֱלִימֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף ר' זוּשָׁא - און זוּשָׁא הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף ר' אֱלִימֶלֶךְ!", אַזוֹי אַרוּיף אִיז דֶער בַּעַל עֲבֵרָה נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה! אַזוֹי פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ בֵּיידֶע פִירְן.

דָאס הֵייסְט אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט יֶענֶעם קֵיין מוּסָר אִין פָּנִים אַרַיין, ווייל אַזוֹי קֶען מֶען יֶענֶעם 'מַבְאִישׁ רֵיחַ' זַיין, יֶענֶער וֶועט נָאךְ מֶער אַרָאפְּפַאלְן אָבֶּער עֶר הָאט גֶערֶעדְט גְרָאד צוּ ר' זוּשָׁא, "זוּשָׁא זוּשָׁא, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן?! אַזוֹי דַארְף מֶען טוּהְן?!", און עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ ר' אֱלִימֶלֶךְ: "מֵיילֶער, אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן?! אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן?!". און יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט, "דִי בֵּיידֶע זֶענֶען דָאךְ עֶפֶּעס 'נְבִיאִים', וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן רֶעדְן זֵיי בֵּיידֶע, זֵיי בֵּיידֶע ווייסְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן!



דָאס אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט תּוֹכֵחָה, מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ אַזוֹי אַז זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן, נָאר סְ'מוּז גֵיין מִיט דֶעם וֶועג, מִיט דֶעם וֶועג פוּן 'אַהֲבָה'.

◇ ◇ ◇ ◇

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִין אוּמַאן פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט - אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי 'אַכְט זְקֵנִים', (דרייצענטע מעשה) פְּלֶעגְט מֶען זָאגְן, אַז דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ אִיז אֵיינֶער פוּן דִי אַכְט זְקֵנִים - פוּן דִי 'בַּעֲלֵי זִכְרוֹנוֹת'! וֶוער, וָואס, וֵוייסְט מֶען נִישְׁט! עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי אַכְט זְקֵנִים, פוּן דִי אַכְט פַּרְשִׁיּוֹת פוּן תְּפִלִּין! און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ אַז "עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן זַיין סֵפֶר"! דֶער סֵפֶר 'נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ' אִיז אַזוֹי גְרוֹיס - סְ'אִיז דָאךְ מוֹרָא'דִיג! דֶער נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְד! אָבֶּער דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ אַלֵיין אִיז נָאךְ הֶעכֶער פוּנֶעם סֵפֶר"!




אין די פינסטערע טעג פון די צווייטע וועלט מלחמה זענען אסאך ישיבות אנטלאפן פון זייערע שטעט זיך צו ראטעווען פון די נאציס. רבי יצחק געלבאך ז״ל איז געווען א יונג בחור׳ל, ווען ער, מיט אלע אנדערע תלמידים פון ׳ישיבת קאמעניץ׳, זענען אנטלאפן צום שטאט ווילנא. רוב מאל, זענען ליידער די טייערע בחורים וועלכע זענען אנטלאפן פון די נאצישע חיות, אריינגעפאלן גלייך אין די הענט פון די רוסן, וועלכע האבן מיט זייער רשעות זיך געאיילט אנצופילן גאנצעטע וואגאנען מיט די תלמידי הישיבה, זיי אפצושיקן צום קאלטן סיביר, ווי גאר ווייניג האבן באוויזן איבערצולעבן די קעלט און שווערע צוואנגס-ארבעט.

אויך אויף דעם יונגן יצחק׳ל איז נעבעך באשטימט געווארן פינף יאר גלות אינעם שרעקליכן סיביר. מען האט אים גלייך ביים אנקומען בא׳גנב׳ט אן קיין רחמנות זיין ארימען האב און גוטס.

פון אלעס וואס ער האט פארלוירן האט ער דאס מערסטע צום הארץ גענומען דאס זיך דארפן שיידן פון זיינע הייליגע פאר תפילין, וועלכע זענען געשריבן געווארן ביי א ערליכע דערהויבענע ׳סופר׳, דער זעלבער סופר וועלכער האט געשריבן די תפילין פונעם הייליגן ׳חפץ-חיים׳.

יצחק׳ל, וועלכער האט נאך אין זיינע יונגע יארן זוכה געווען זיך צו דערוויסן פונעם הייליגן רבי׳נס ספרים, האט באגריפן דאס גרויסע חשיבות פון ׳התבודדות׳, און ער פלעגט דאס ערליך אויספאלגן. טאג טעגליך האט ער זיך אוועק געשטעלט אין א באהאלטענע ווינקל זיך אויסצוגיסן דאס הארץ פאר׳ן אויבערשטן.

דערנאך פלעגט ער זיך שטענדיג צוריקקערן מיט א דערהויבענע רואיגקייט און פעסט-מוטיג, מיט א קלארע אמונה אז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אים אויך אין אזעלכע שווערע אומשטענדן. דאס האט אים געגעבן די כוחות ווייטער אנצוגיין טאג נאך טאג.

אין איינע פון די טעג האט דער דאקטער פון סיביר - וועלכער איז געווען א איד, אבער האט ליידער גארנישט געוואוסט פון אידישקייט צו זאגן - באמערקט, וויאזוי דער יונגער יצחק׳ל רעדט צו זיך אליין אויף א געוויסע צייט אפשניט יעדן טאג. ווען ער האט אים אנגעפרעגט דערויף, האט אים יצחק׳ל מסביר געווען דאס גרויסקייט פון התבודדות, צו רעדן צום אויבערשטן וועלכע געפינט זיך איבעראל. ער האט אים אויך אויסגעלערנט צו זאגן שמע ישראל, ביז צוביסלעך האט דער דאקטער אנגעהויבן צו פארשטיין וואס דאס מיינט ׳זיין א איד׳. פון דעמאלטס אן האט דער דאקטער פארערכנט דעם יונגן בחור׳ל פאר זיין רבי און מורה דרך.

המשך קומענדיגע וואך בעז״ה

מיר ווייסן אַז דער היילִיגער רבּי האָט געזאָגט אַז אַלע התחלות הייבּט זיך אָן פון פּורים, בּרענגען מיר אַ שטיקל תּפלה ווי דער היילִיגער ר' נתן בּעט זיך דערויף אין די תּפלה אויף פּורים:

"בּאַשעפער, העלף מיר בּכח די היילִיגע מצוֹת פון פּורים איך זאָל זוכה זיין צו מקבּל זיין און ממשיך זיין אויף מיר די קדושה און ריינקייט פון די פּרה אדומה תּמימה."

און אַזוי בּעט זיך ווייטער ר' נתן: "טאַטע, מיין האר, מיין בּאַשעפער, ווייז מיר דער וועג וויאַזוֹי אָנצוהייבּן פון די בּחינה פון די היילִיגקייט פון פּורים, העלף מיר בּדרך נס מיט אַ וואונדערליכע פּאַרכטיגע ישועה, איך זאָל קענען פון יעצט זיך צוריקקערן צו דיר מיט אַן אמת'ע גאַנצע תּשובה, און אָנהייבּן מיט אַ נייע התחלה, מיט גאַנצן האַרץ און זעל טון דיין עבודה מיט אַן אמת.

לערן מיך און ווייז מיר בּאמת ווי אַזוי אָנצוהייבּן, מיט וועלכע וועג און עצה וועל איך זוכה זיין צו זיך קערן צו דיר."

**אַ תּפלה אויף פּרשת פּרה**

# סיפורי מעשיות מעשה י' - דער בּערגער און דער ארימאן 4

און די 'קיסר'טע' - האָט איר דאָס 'האַרץ' זייער ווי געטאָן דערויף - נאָר אַפילו די 'קיסר'טע', קען אויך גאָרנישט טאָן אַקעגן 'קיסר'.

איז זי געגאַנגען צו די 'ממונים' [אויפזעהערס], וואָס זיי זענען ממונה געווען (געזעצט געווען) אים אַריינצו־וואַרפן אין 'ים' אַריין - און זי איז געקומען צו זיי - און איז זיי געפאַלן צו די 'פיס' - און זי האָט זיי זייער געבּעטן: "אַז זיי זאָלן דאָס איר צוליבּ טאָן, און זיי זאָלן אים אַוועקלאָזן! - וואָרן פאַרוואָס קומט אים 'מיתה'"? - און זי האָט זיי זייער געבּעטן: "אַז זיי זאָלן נעמען אַ אַנדערן 'שבוי' [געפאַנגענעם] וואָס ער איז 'חייב מיתה', און זיי זאָלן אים אַריינוואַרפן אין 'ים' - און דעם 'בּחור' זאָלן זיי לאָזן"!

האָט זי דאָס בּיי זיי געפּועלט! - האָבּן זיי איר געשוואוירן: "אַז זיי זאָלן [וועלן] אים לאָזן"!

און זיי האָבּן אַזוי געטאָן - און זיי האָבּן גענומען אַ 'אַנדערן מענטש', און האָבּן אים אַריינגעוואָרפן אין 'ים' אַריין - און אים [דעם 'בּחור'] האָבּן זיי געלאָזט, און האָבּן אים געזאָגט: "גיי"! "גיי"! - איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען!

און דער 'בּחור' איז שוין געווען אַ 'בּר־דעת' - איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען!

און פאַר דעם (דהיינו: פריער, איי [איידער] דער

׳בָּחוּר׳ אִיז אַוֶועק) – אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי ׳קֵיסֶר׳טֶע׳, אוּן הָאט גֶערוּפְן אִיר ׳טָאכְטֶער׳, אוּן זִי הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט:

״מַיין טָאכְטֶער – זָאלְסְטוּ וִויסְן: אַז דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳, עֶר אִיז דַיין ׳חָתָן׳ – אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט, גָאר דִי ׳מַעֲשֶׂה׳ וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גֶעטָאן, אוּן וִוי דֶער ׳בֶּערְגֶער׳ הָאט זִיךְ ׳מוֹסֵר־נֶפֶשׁ׳ גֶעוֶוען פוּן מַיינֶעט וֶועגְן, אוּן עֶר אִיז מִיט מִיר גֶעוֶוען אִין דִי ׳זִיבְּן־עֶרְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: אִין דִי אַלֶע־עֶרְלֵיי ׳זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן׳) – אוּן אִיךְ הָאבּ אִים אַלֶעמָאל גֶעשְׁוואוֹירְן בַּיי ׳גָאט׳: אַז גָאר מַיין ׳גוּטְס׳, זָאל פוּן אִים נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן – אוּן אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי ׳זִיבְּן־עֶרְטֶער׳ צוּ ׳עֵדוּת׳ (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳גְרוּבּ׳, אוּן דִי ׳מִקְוֶה׳, אוּן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע ׳זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן׳).

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], הַיינְט בִּיזְטוּ זִיךְ גָאר מַיין ׳גוּטְס׳, אוּן גָאר מַיין ׳מַזָל׳, אוּן מַיין ׳גְלִיק׳ – [בְּמֵילָא] בִּיזְטוּ בְּוַודְאַי זַיין – אוּן זַיין ׳זוּהְן׳, עֶר אִיז דַיין ׳חָתָן׳!

״אוּן דַיין ׳טַאטֶע׳ – מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַיין ׳גַדְלוּת׳ [גַאֲוָה], וִויל עֶר אִים הַרְגֶ׳ענֶען אוּמְזִיסְט – אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען, אִים מַצִיל צוּ זַיין – אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפּוּעְלְט, אַז מְ׳זָאל אִים לָאזְן.

עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] זָאלְסְטוּ וִויסְן: אַז עֶר אִיז דַיין ׳חָתָן׳ (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳)! אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶועלְן, קַיין שׁוּם אַנְדֶערְן ׳חָתָן׳ אִין דֶער וֶועלְט״.

הָאט דִי ׳טָאכְטֶער׳ – צוּגֶענוּמֶען [אָנְגֶענוּמֶען] דֶער ׳מוּטֶערְ׳ס׳ רֵייד – וָוארְן זִי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ ׳יִרְאַת־שָׁמַיִם׳!

אוּן זִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶער ׳מוּטֶער׳: ״אַז זִי וֶועט בְּוַודְאַי הַאלְטְן [אַיינְהַאלְטְן] אִירֶע רֵייד״!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי ׳טָאכְטֶער׳ – אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט אַ ׳כְּתַב׳, צוּ דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳, אִין דֶער ׳תְּפִיסָה׳ אַרַיין: ״אַז זִי הַאלְט זִיךְ אִין אִים, אוּן עֶר אִיז אִיר ׳חָתָן׳״!

אוּן זִי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט, אַזוֹי־וִוי אַ שְׁטִיק ׳לַאנְד־קַארְד׳ [מַאפֶּע] – אוּן זִי הָאט דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן], אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ וָואס דִי ׳מוּטֶער׳ אִירֶע הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זַיין ׳פָאטֶער׳ – וָואס זֵיי זֶענֶען דִי ׳זִיבְּן עֵדוּת׳ – דְהַיְינוּ: דֶער ׳גְרוּבּ׳, אוּן דִי ׳מִקְוֶה׳, אוּן דִי ׳אִיבְּרִיגֶע׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – דְהַיְינוּ: זִי הָאט דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעמָאלְט אַזוֹי־וִוי אַ ׳גְרוּבּ׳, אוּן אַזוֹי־וִוי אַ ׳מִקְוֶה׳, אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיגֶע ׳זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן׳!

אוּן זִי הָאט אִים זֵייעֶר־זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט: ״אַז עֶר זָאל דָאס ׳כְּתַב׳ זֵייעֶר־זֵייעֶר הִיטְן״! אוּן זִי הָאט זִיךְ אוּנְטְן אוּנְטֶער־גֶעחַתְמֶ׳עט!

דֶערְנָאךְ אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – [אַז] דִי ׳מְמוּנִים׳ הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ ׳אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ׳ – אוּן ׳אִים׳ הָאבְּן זֵיי גֶעלָאזְט. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם ׳יַם׳! הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף אַ ׳שִׁיף׳ – אוּן אִיז אַוֶועק אוֹיף דֶעם ׳יַם׳! אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער ׳שְׁטוּרֶעם־וִוינְט׳ – אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן דִי ׳שִׁיף׳, צוּ אַ ׳בָּארְטְן׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען ׳מִדְבָּר׳ (דְהַיְינוּ: וִויסְט).

אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם גְרוֹיסְן ׳אִימְפֶּעט׳ [שְׁטוּרֶעם־וִוינְט], אִיז דִי ׳שִׁיף׳ צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן

– נָאר דִי 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער 'שִׁיף', זֶענֶען נִיצוֹל [גֶערַאטֶעוֶועט] גֶעוָוארְן – אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דֶער 'יַבָּשָׁה'.

אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען 'מִדְבָּר' – זֶענֶען דִי 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער 'שִׁיף', גֶעגַאנְגֶען זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס 'עֶסְן' – אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ גֶעזוּכְט עֶפֶּעס 'עֶסְן' – וָוארְן אוֹיף דֶעם 'אָרְט', אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר, אַז דִי 'שִׁיפְן' זָאלְן אַהִין אָנְקוּמֶען, וָוארְן סְ'אִיז גֶעוֶוען 'מִדְבָּר' – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט [גֶערָאכְטְן] דָארְט, אַז סְ'זָאל עֶפֶּעס אַ 'שִׁיף' אָנְקוּמֶען, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים.

זֶענֶען זֵיי דָארְט גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'מִדְבָּר', זִיךְ זוּכְן 'עֶסְן' – אוּן זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אַהִין אוּן אַהֶער, אִיטְלֶעכֶער בַּאזוּנְדֶער.

אִיז דֶער 'בָּחוּר' גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'מִדְבָּר'! – אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם 'בָּארְטְן' – אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן – אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט.

אוּן וָואס [וִוי מֶער] עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן – אִיז עֶר אַלְץ מֶער דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן – בִּיז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן, אַז עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'מִדְבָּר' – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אִין דֶער 'הַאנְט' אַ 'בּוֹיגְן', וָואס עֶר הָאט זִיךְ מַצִיל גֶעוֶוען אַקֶעגְן דִי 'חַיוֹת־רָעוֹת' פוּן דֶער 'מִדְבָּר'.

אוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס 'עֶסְן'.

אוּן עֶר אִיז אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער 'מִדְבָּר' – אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ אָרְט, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ לֵיידִיג אָרְט – אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען: 'וַואסֶער', אוּן 'בֵּיימֶער' אַרוּם פוּן 'פֵּירוֹת' – אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן פוּן דִי 'פֵּירוֹת' – אוּן הָאט גֶעטְרוּנְקְן פוּן דֶעם 'וַואסֶער'.

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִין דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: "אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועקְזִיצְן [אָפְּזִיצְן] וַוייל [וִוילַאנְג] עֶר וֶועט לֶעבְּן! – וָוארְן בְּלוֹא־זֶה (בְּלוֹיז) [בְּמֵילָא] אִיז זִיךְ אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אוּמְצוּקֶערְן זִיךְ אִין 'יִשׁוּב' אַרַיין – אוּן וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר וֶועט נָאךְ קוּמֶען צוּ אַזוֹי אַ [אַזַא] אָרְט, אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט דָאס [דָאזִיגְן] אָרְט אַוֶועקְלָאזְן [אִיבֶּערְלָאזְן] אוּן וֶועט פוּן דַאנֶעט אַוֶועקְגֵיין".

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט עֶר גֶעוָואלְט דָארְט אַוֶועקְזִיצְן [אָפְּזִיצְן], אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי וֶועלְט [אָפְּלֶעבְּן זַיין לֶעבְּן] – וָוארְן סְ'אִיז אִים דָארְט גוּט גֶעוֶוען, וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט דִי 'פֵּירוֹת' צוּ עֶסְן, אוּן 'וַואסֶער' צוּ טְרִינְקְן.

אוּן אַמָאל [צוּמָאל] פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֵיין – אוּן פְּלֶעגְט זִיךְ 'שִׁיסְן' מִיט זַיין 'בּוֹיגְן', אַ 'הָאז' אָדֶער אַ 'הֶערְשׁ' – הָאט עֶר גֶעהַאט [דֶערְפוּן] 'פְלֵיישׁ' צוּ עֶסְן.

אוּן עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דָארְט כַאפְּן [פַאנְגְן] 'פִישׁ' – וָוארְן דָארְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר־גוּטֶע 'פִישׁ' אִין דֶעם 'וַואסֶער'.

אִיז אִים גֶעפֶעלְן: "אַז עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּערְלֶעבְּן [אָפְּלֶעבְּן] זַיינֶע יָאהְרְן"!

:pe ________________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (4)

**א. צום סוף איז געלונגען פאר'ן קיסר אויסצופירן די פלאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**

- ❑ ניין.
- ❑ אים צו מעביר זיין יא, אים צו ארים מאכן נישט.
- ❑ ער האט אים ס'יי ארים געמאכט און ס'יי מעביר געווען.

**ב. וואס האט פארציילט די ווייב פון ארימאן פאר איר טאכטער?**

- ❑ איר גאנצע מעשה און ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר איר
- ❑ די שבועה וואס זי האט געשווארן אז איר גאנצע גוטע זאל נישט זיין פארמיטן פון אים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. די ווייב פון ארימאן האט געזאגט פאר איר טאכטער אז דער טאטע וויל הרג'נען דעם זוהן פון בערגיר, פארוואס?**

- ❑ ווייל ער האט אים פיינט
- ❑ ועגן זיין גדלות
- ❑ ועגן זיין שלעכטיקייט

**ד. און וואס האט זי אים געזאגט וועגן חתונה האבן?**

- ❑ זאלסט לכתחילה נאר חתונה האבן מיט'ן זוהן פון בערגיר
- ❑ מעגסט חתונה האבן מיט וועמען דו ווילסט
- ❑ דער זון פון בערגיר איז דיין חתן, און זאלסט נישט וועלן קיין אנדערן אויף דער וועלט

**ה. פארוואס האט די טאכטער אנגענומען די ווערטער פון איר מאמע?**

- ❑ ווייל זי האט געשפירט די אמת'דיקייט פון די ווערטער
- ❑ ווייל די מאמע איז געווען א יראת שמים
- ❑ וויל די טאכטער איז אויך געווען א יראת שמים

**ו. וואס האט די טאכטער אויסגעמאלעוועט אויף די כתב וואס זי האט געשיקט פאר'ן זוהן פון בערגיר?**

- ❑ אלע פלעצער וואו איר מאמע האט זיך באהאלטן מיט זיין טאטע
- ❑ די מדברות און וועלדער וואו זיי האבן זיך באהאלטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. צו וואו איז דער זון פון בערגיר אונגעקומען נאכן גיין אויפן ים?**

- ❑ צו א מדבר
- ❑ צו א ישוב
- ❑ צו א גרויסע מדינה

**ח. וויפיל צייט האט ער געטראכט דארט צו בלייבן?**

- ❑ אפאר יאר
- ❑ ווי לאנג ער לעבט
- ❑ ביז דער קעניג וועט אים זוכן

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### סיפור בערכה

**אין וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט אז איינער איז געגאנגען אין מדבר?**



**תשובות פון פאריגע וואך:**

מיט וואספארא נישט גוטע מידה האט זיך דער ארימאן געפירט צום בערגיר? כפויה טובה

צו וועלכע דרגות האט מען ארויפגענומען דער ארימאן כדי די שרים זאלן קענען זיך משדך זיין מיט אים? רייך גיווארין, דינען ביים קיסר, א יעדנידאל, א קיסר, א קיסר איבער דער וועלט.

**דער געווינער פון בערגיר ועני #2 איז: הילד החשוב אהרן כהנא, בית שמש. 8719****

**מען קען באקומען א מתנה ביים משגיח אין חדר ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

צו ענטפערן די בחינות און ארייניגן אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

## לֶעכֶערִיגֶע פֶּעסֶער

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעדִינְגֶען מֶענְטְשְׁן אִין זַיין פַאבְּרִיק זֵיי זָאלְן אָנְפִילְן פֶּעסֶער, דִי פֶּעסֶער זֶענֶען גֶעוֶוען לֶעכֶערִיג, וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן אִין דִי פֶּעסֶער אִיז אַלֶעס אַרוֹיסְגֶערִינֶען אִינְדְרוֹיסְן...

צְווִישְׁן דִי אַרְבֶּעטֶער זֶענֶען גֶעוֶוען טִפְּשִׁים, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַלֶעס וָואס מִיר גִיסְן אַרַיין אִין דִי פֶּעסֶער רִינְט אַרוֹיס, וָואס הָאבְּן מִיר זִיךְ צוּ פְּלָאגְן אוּן אַרַיינְגִיסְן, עֶס גִיסְט זִיךְ סַיי וִוי אוֹיס?" אָבֶער דִי קְלוּגֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן אַז עֶס גִיסְט זִיךְ אַלֶעס אוֹיס, אִיךְ בַּאקוּם בַּאצָאלְט אוֹיפְן טָאג, מַיין טֶעגְלִיכֶע גֶעהַאלְט בַּאקוּם אִיךְ, אִיךְ בִּין אָפְּגֶעדִינְגֶען אוֹיפְן טָאג, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן אַז עֶס גִיסְט זִיךְ אַרוֹיס (ויקרא רבה י"ט אות ב').

**קִינְדֶער, דָאס אִיז אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מָשָׁל, הַא? וִויאַזוֹי וָואלְטְן מִיר גֶעטְרַאכְט זַייעֶנְדִיג אִין אַזַא פַאבְּרִיק?**



דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם מָשָׁל אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ פַארְגֶעסְט אַלֶעס וֶועט צוּם סוֹף דַיין שְׂכַר וֶוערְן בַּאצָאלְט פַאר יֶעדְן טָאג וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אָנְגֶעפְּלָאגְט.

דֶער רֶבִּי לֵייגְט אוֹיךְ צוּ, אַז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט שׁוֹין נִפְטַר וֶועט מֶען אִים אוֹיבְן דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס שׁוֹין פַארְגֶעסְן. אַזוֹי אוֹיךְ דִי מֶענְטְשְׁן וָועלְכֶע הֶערְן תּוֹרָה פוּנֶעם אֱמֶתְ'ן צַדִיק אוּן פַארְשְׁטֵיין עֶס נִישְׁט, וֶועלְן זֵיי אִין עוֹלָם הַבָּא עֶס פַארְשְׁטֵיין.

וַוייל דֶער עִיקָר תּוֹרָה וָואס מִיר לֶערְנֶען אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, אִין עוֹלָם הַבָּא וֶועלְן דִי נְשָׁמוֹת זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען אוּן גוּט פַארְשְׁטֵיין אוּן מַשִּׂיג זַיין דִי תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אָדֶער גֶעהֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי סְפָרִים זָאגְט טַאקֶע אַז דֶערְפַאר אִיז פַארְהַאן שִׁכְחָה אַז דִי תּוֹרָה זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין בַּאלִיבְּט אוֹיף דִי וֶועלְכֶע לֶערְנֶען אִיר אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט עֶס צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט עֶס אִיבֶּער נָאכְן פַארְגֶעסְן, אִיז עֶס וִוי נַיי אוּן בַּאלִיבְּט. (קהלת רבה א' אות ל"ד)

**וואויל אִיז דֶער וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה.**

(שיחות הר"ן כ"ו)

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלמה נחמן גולדשמידט הי"ו
לרגל הבר מצוה של בנו היקר למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב סירוטה הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב לע"נ
הרה"ק רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זיע"א